חידה פתומה. איין זאַך האָבען די חכמי הלכה מחדש געווען. זיי האָבען געזאָגט: אמת, מיר פאַרשטייען ניט די מעגליכקייט און דעם שכל פון תפלה, אָבער טראָץ אונזער ניט פאַרשטיין ווייסען מיר יע, אַז די אבות פון דער אומה הישראלית מיט אירע נביאים האָבען געדאַווענט; אַז זיי האָבען זיך גענומען דאָס רעכט צו דערנענטערען זיך צום רבש"ע, זיך טרעפען און רעדען מיט אים, בעטען, לויבען און רימען אים, און זיך געפינען אין זיין אָנוועזענהייט. די הלכה האָט אונז אַלעמען אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם היסטאָרישען פאַקט, אַז תפלה איז אַזוי אַלט ווי די כנסת ישראל אַליין. אברהם האָט געדאַווענט, יצחק האָט געדאַווענט, און יעקב האָט געדאַווענט. משה האָט תפלה געטאָן סיי פאַר'ן פאָלק אין „ויחל", סיי פאַר זיין ברודער אהרן, סיי פאַר זיין שוועסטער מרים, און שליסליך אויך פאַר זיך אַליין אין דעם טראַגיק־אָנגעפילטען „ואתחנן". חנה האָט אויסגעגאָסען איר האַרץ פאַר'ן רבש"ע אין שילה. דוד'ס תהילים איז אַ ספר פון תפלה און תחינה. שלמה האָט מתפלל געווען ביי דעם חנוכת הבית פון ערשטען בית המקדש. יונה האָט גערופען צו גאָט פון די אָפּגרונטן פון ים. יחזקיהו האָט זיך מתיחד געווען מיט זיין באַשעפער אין אַ שטונדע פון אַנגסט און יאוש. דניאל האָט געדאַווענט דריי מאָל אַ טאָג מיט'ן פנים אויסגעדרייט צו ירושלים. מיט די אבות, מלכים און נביאים האָט מיטגעדאַווענט די גאַנצע כנסת ישראל; דורות אומעטום און אין אַלע צייטען האָבען תפילה געטאָן.

מיר, זאָגען די חכמי ההלכה, קאָנען די תפלה „דע יורע" ניט דערקלערען, אָבער מיר קאָנען דאָך ניט צווייפלען אין איר „דע פאַקטאָ" עקזיסטענץ און אין דער היסטאָרישער טאַטזאַך, אַז אידען האָבען געדאַווענט. ממילא באַווייזט עס, אַז דער מענש מעג און דאַרף בעטען ביי גאָט, אַז ער האָט רשות צו אויסגיסען זיין האַרץ, צו זינגען אים שיר ושבח און צו טוליען זיך צו אים ווי אַ קינד, וואָס באַהאַלט זיין קאָפּ אין דער מוטער'ס שויס אָדער אויפ'ן פאָטער'ס אַקסעל. דער באַקאַנטער מאמר אין דער גמרא: „תפלות אבות תקנום", דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז תפלה איז אַ פּרעצעדענט עטאַבלירט אין אונזער געשיכטע זינט איר עלות השחר, און דערפאַר נעמען מיר איר אָן. קיין אַנדער דערקלערונג פאַר אונזער דאַווענען האָבען מיר ניט. די אבות און די נביאים האָבען געגעבען אַ ביישפּיל, וועלכען מיר טוען נאָך.

דעריבער מוז מען אַכטונג געבען, אַז אונזער דאַווענען, סיי אין שייכות מיט דער סטרוקטור און פאָרם, סיי בנוגע דער צאָל און די זמנים פון תפילה, סיי וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אינהאַלט און די שבחים, זאָל שטימען מיט די תפלות פון די אבות און נביאים און גדולי האומה, וועמעס הנהגה מיר אימיטירען — מיר אַליין טאָרען קיין זאַך ניט צולייגען צו דער תפלה אָדער אַראָפּנעמען פון איר, ענדערן אָדער צופּוצען איר. וואָלטן מיר תופס געווען דעם מהות פון תפלה און פאַרשטאַנען דעם „פאַרוואָס" פון דאַווענען, וואָלטען מיר אפשר געקאָנט שרייבען אייגענע תפלות, אָבער באשר תפלה איז פאַרבליבען אַ ניט־געלייזטע רעטעניש, ממילא קאָנען מיר זיך ניט אַריינלאָזן אין ליטעראַריש־ליטורגישע שאַפונגען און מיר מוזען זיך שטרענג האַלטען ביי דעם סאַנקציאָנירטען, טראַ־

שמונה עשרה, אָדער אין ברכות אמצעיות, אָדער אין שומע תפלה, אָדער גלייך נאָכ'ן פאַרענדיגען פון דער שמונה עשרה, נאָר דעמאָלט קאָן דער יחיד בעטען דעם רבש"ע אויף זיינע נייטען און זיך וואַרפען פאַר אים אין תחינה וויפיל זיין האַרץ גלוסט, ווייל דעמאָלט גיסן זיך צונויף זיינע ווערטער מיט דער אוראַלטער, טראַדיציאָנעלער שמונה עשרה. אין אַ צייט פון געפאַר פאַר'ן כלל אָדער פאַר'ן יחיד, פלעגען זיך אידען יאָ צונויפזאַמלען אין די שולען און שטורמען דעם כסא הכבוד, אָבער זייער שטורמישע בקשה פלעגט זיך אויסדריקען אין תהלים - זאָגען און ניט אין נייע געבעטען. די איינציגע עקסטרא תפלה־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער די הלכה האָט מסכים געווען, איז די סליחות־אָפּריכטונג אין די עשרת ימי תשובה אָדער פאַר ר"ה (סליחות אין אַ תענית זאָגט מען גלייך נאָך שמונה עשרה ווי אַנדערע תחנונים); אָבער בנוגע דעם אויסנאָם האָבען די חכמי המסורה זיך סומך געווען אויף אַ ספּעציעלען היתר, וואָס איז אַנטהאַלטען אין דעם פּסוק „וירד ה' בענן ויתיצב עמו שם ויקרא בשם ד'" און נאָך אַלעמען באַשטייען די אור־שפּרינגליכע סליחות פון ליקוטים פון פּסוקים, י"ג מדות, וידויים און זעהר קורצע תפילות ווי אבינו מלכנו, עננו, מי שענה, וועלכע זיינען זעהר אַלטע.

**(אַ צווייטער אַרטיקעל וועגען דעם זעלבען ענין וועט זיין געדרוקט קו־מענדיגען מאָנטאָג.)**